**אויף תיכף ארויסצוגעבן:** 11/22/2022 **גאווערנער קעטי האוקול**

**גאווערנער האוקול שרייבט אונטער לעגיסלאציע אויף צו פאראויס-פירן ניו יארק׳ס טראנזיציע צו ריינע טראנספארטאציע**

***לעגיסלאציע (S.8518A/A.6165A) העלפט אפשאפן באגרעניצונגען צו דער אינסטאלאציע פון עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשינג סטאנציעס***

***טרייבט ניו יארק סטעיט׳ס ציל צו אנקומען צו 850,000 זערא-עמיסיע אויטאס ביז 2025, און אז אלע נייע פאסאזשיר אויטאס זאלן זיין זערא-עמיסיע ביז 2035***

גאווערנער קעטי האוקול האט היינט אונטערגעשריבן לעגיסלאציע וואס וועט פאראויס-פירן ריינע טראנספארטאציע פראווון דורכ׳ן אוועקנעמען באגרעניצונגען צו דער אינסטאלאציע פון עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשינג סטאנציעס אויף פריוואטע פראפערטי. די לעגיסלאציע וועט פארמיידן היים אייגנטימער אסאסיעשענס צו פארבאטן היים אייגנטימער צו אינסטאלירן טשאַרדזשינג סטאנציעס אויף זייער פריוואטע פראפערטי בשעת׳ן אויך ערלויבן די אסאסיעשענס ארייננצוגעבן מיינונגען אויפ׳ן אינסטאלאציע פראצעדור. דורכ׳ן עס מאכן גרינגער פאר ניו יארקער איבערצוטוישן צו עלעקטרישע אויטאס, וועט די לעגיסלאציע ביישטייערן צו ניו יארק סטעיט׳ס ציל פון דערגרייכן 850,000 זערא-עמיסיע אויטאס ביז 2025, און פאר אלע נייע פאסאזשיר אויטאס צו זיין זערא-עמיסיע ביז 2035.

״מיר טרייבן אונטער ניו יארק׳ס טראנזיציע צו ריינע טראנספארטאציע דורכ׳ן אפשאפן באגרעניצונגען צו פארמאגן און טשאַרדזש׳ען אן עלעקטרישע אויטא,״ **האט גאווערנער האוקול געזאגט.** ״עס איז נישט גענוג צו מוטיגן ניו יארקער צו קויפן עלעקטריק - מיר דארפן אויך בויען ׳גרינע׳ אינפראסטרוקטור וואס וועט טרייבן ניו יארקער אויסציוועלן ריינערע און ׳גרינערע׳ מיטלען פון טראנספארטאציע. מיין אדמיניסטראציע וועט פארזעצן צו פאראויס-פירן אונזער זערא-עמיסיע טראנספארטאציע צילן, און די דאזיגע לעגיסלאציע וועט בענעפיטירן אונזער קלימאט און דאס געזונטהייט פון אונזערע קאמיוניטיס פאר פילע דורות אין דעם צוקונפט.״

לעגיסלאציע (S.8518A/A.6165A) וועט העלפן אפשאפן באגרעניצונגען צו דער אינסטאלאציע פון עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשינג סטאנציעס אויף פריוואטע פראפערטי. פארמערנדיג דאס אננעמען פון עלעקטרישע אויטאס איז הויפט-וויכטיג פאר ניו יארק צו קענען נאכקומען עמיסיע צילן, אבער אן א שטאנדהאפטיגע טשאַרדזשינג סטאנציע נעץ, קענען ניו יארקער זיין אנטמוטיגט פון צו זען עלעקטרישע אויטאס אלס רעאליסטישע אלטערנאטיוון צו גאז געטריבענע אויטאס. די דאזיגע לעגיסלאציע וועט פארמיידן היים אייגנטימער אסאסיעשענס צו פארבאטן היים אייגנטימער צו אינסטאלירן טשאַרדזשינג סטאנציעס אויף זייער פריוואטע פראפערטי בשעת׳ן אויך ערלויבן די אסאסיעשענס ארייננצוגעבן מיינונגען אויפ׳ן אינסטאלאציע פראצעדור. דאס נייע געזעץ וועט פאדערן אז סיי וועלכע צוריקווייזונג פון א היים אייגנטימער אפליקאציע צו אינסטאלירן אן עלעקטרישע אויטא טשאַרדזשער דארף זיין שריפטליך און אנטהאלטן א דייטליכע שילדערונג פון די סיבות פאר אפזאגן. אויב א שריפטליכע צוריקווייזונג ווערט

נישט צוגעטיילט צום היים אייגנטימער ביז 60 טעג, וועט די אפליקאציע זיין גערעכנט אלס באשטעטיגט אויסער אויב די פארשפעטיגן אין באשטעטיגונג איז צוליב די היים אייגנטימער אסאסיעשען׳ס פארשטענדליכע פארלאנג פאר מער אינפארמאציע.

**סטעיט סענאטארשע מישעל הינטשי האט געזאגט**, ״מאכן לייכטער פאר ניו יארקער צו באזיצן אן עלעקטרישע אויטא איז העכסט-נייטיג צו באקעמפן דער קלימאט קריזיס לאקאל און צו נאכקומען אונזער סטעיט׳ס זערא-עמיסיע טראנספארטאציע צילן. איך בין אויסערליש שטאלץ צו ספאנסירן לעגיסלאציע אין צוזאמארבעט מיט אסעמבלי-מיטגליד הארווי עפסטיין וואס פארברייטערט דעם ארויס-געבוי פון טשאַרדזשינג אינפראסטרוקטור און העלפט פארזיכערן אז ניו יארק פארבלייבט ביים סאמע פארנט פון א ריינע ענערגיע צוקונפט. איך דאנק גאווערנער האקול פאר׳ן אונטערשרייבן מיין ביל אלס געזעץ אטון פאר איר שטארקע פארפליכטונג צו דערגרייכן די צילן פונעם ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳.״

**אסעמבלי-מיטגליד הארווי עפסטיין האט געזאגט**, ״אין ניו יארק טוהן מיר אוועקשטעלן געוואגטע צילן פאר דאס אננעמען פון עלעקטרישע אויטאס. עס איז טייל פון אונזער סטראטעגיע צו רעדוצירן עמיסיעס ווי פארלאנגט דורך דעם ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳. אבער צו מאכן דער טויש, דארפן מיר פארזיכערן אז מיר האבן דער טשאַרדזשינג אינפראסטרוקטור וואס איז איינשטימיג. אונזער לעגיסלאציע מאכט עס גרינגער פאר ניו יארקער צו ווערן עלעקטריש דורכ׳ן אוועקנעמען באגרעניצונגען וואס היים אייגנטימער קענען אויסשטיין ווען זוכנדיג צו אינסטאלירן א EV טשאַרדזשער אינדערהיים. א דאנק צו גאווערנער האקול פאר׳ן אנערקענען די דרינגליכקייט הינטער פארמערן EV איינפירעכטס.״

די דאזיגע לעגיסלאציע וועט העלפן פאראויס-פירן [ניו יארק סטעיט׳ס](#) ציל צו אנקומען צו 850,000 זערא-עמיסיע אויטאס ביז 2025, און אז אלע נייע פאסאזשיר אויטאס זאלן זיין זערא-עמיסיע ביז 2035. ניו יארק טוט שנעלערהייט פאראויס-פירן די צילן דורך א רייע איניציאטיוון, אריינרעכנענדיג [EV Make Ready](#), [EVolve NY](#), די [דרייוו ריין צוריקצאלונג](#), דער [ניו יארק טראק וואַוטשער באלוינונג פראגראם](#), און [טשאַרדזש NY](#). די דאזיגע באמיאונגען האבן בייגעשטייערט צו א רעקארד וואוקס אין די צאל עלעקטראנישע אויטאס וועלכע זענען פארקויפט געווארן אין ניו יארק אין 2021, ברענגענדיג די סך הכל צאל EV's אויפן ראָוד – וואו עס האט געהאלטן אין סעפטעמבער 2022 – צו מער ווי 114,000, און די צאל טשארדזשינג סטאנציעס אינעם סטעיט צו מער ווי 10,000, אריינגערעכנט לעוועל-2 און שנעלע טשארדזשערס.

**ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-פירנדע קלימאט פלאן**

ניו יארק סטעיט׳ס לאנד-וועגווייזיגע קלימאט אגענדע איז דער מערסט-אגרעסיווער קלימאט און זויבערע ענערגיע איניציאטיוו אין דעם לאנד, רופנדיג פאר א מסודר׳דיגע און יושר׳דיגע טראנזיציע צו זויבערע ענערגיע וואס שאפט דזשאבס און טוט ווייטער אונטערהייבן א ׳גרינע עקאנאמיע׳ אין דער צייט וואס ניו יארק סטעיט ערהוילט זיך פון דער קאוויד-19 פאנדעמיע. מיט׳ן איינשטעלן אין געזעץ דער ׳קלימאט פירערשאפט און קאמיוניטי באשיצונג אקט׳ האט זיך ניו יארק געשטעלט אויף א וועג צו ערגרייכן איר פארלאנגטע ציל פאר א זערא-עמיסיע עלעקטריק סעקטאר ביז׳ן יאר 2040, אריינגערעכנט שאפן 70 פראצענט איבערניציגע ענערגיע ביז׳ן יאר 2030, און צו דערגרייכן קארבאן נייטראליטעט איבער דער גאנצער עקאנאמיע. עס בויט אויף ניו יארק׳ס פרעצעדענטלאזע אינוועסטירונגען צו פארשנעלערן זויבערע ענערגיע, אריינגערעכנט איבער 35 ביליאן דאלער אין 120 גרויס-פארנעמיגע באנייבארע ענערגיע און טראנסמיסיע פראיעקטן לענגאויס דעם סטעיט, 6.8 ביליאן דאלער צו רעדוצירן געביידע עמיסיעס, 1.8 ביליאן דאלער צו פארברייטערן סאלאר ענערגיע, איבער 1 ביליאן דאלער פאר זויבערע-ענערגיע טראנספארטאציע איניציאטיוון, און איבער 1.6 ביליאן דאלער אין NY ׳גרינע באנק׳ פארפליכטונגען. אלעס צוזאמען שטיצן די אינוועסטירונגען באלד 158,000 דזשאבס אין ניו יארק׳ס

זויבערע ענערגיע סעקטאר אין 2020, א 2,100 פראצענטיגער שטייגונג אין דער אויסגעשפרייטער סאלאר-ענערגיע סעקטאר זייט 2011 און א פארפליכטונג צו אנטוויקלען 9,000 מעגאוואטס פון ים-ווינט ענערגיע ביז'ן יאר 2035. אונטער דער קלימאט אקט וועט ניו יארק בויען אויף די פארשריטן און רעדוצירן גרינהויז גאז ארויסלאז מיט 85 פראצענט פון די 1990שטאפלען ביז 2050, און אין דער זעלבער צייט פארזיכערן אז כאטש 35 פראצענט, און מיט'ן ציל פון 40 פראצענט, פון די בענעפיטן פון זויבערע ענערגיע אינוועסטירונגען ווערן צוגעטיילט צו קאמיוניטיס אין אומגינציגע אומשטענדן, און אוואנסירן פארשריטן צו דעם סטעיט'ס 2025 ענערגיע-שפארעדיגקייט ציל אויף צו רעדוצירן אויפ'ן-פלאץ ענערגיע באניץ מיט 185 טריליאן BTU פון ענדע-באניץ געשפארטע ענערגיע.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418